# וכל מאמינים

## א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת **נשא** תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 484

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com

# פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## איין ברכה וואס אלע ברכות זענען אין דעם אריינגערעכנט

**"יָאֵר ה' פָּנָיו אֵלֶיךָ וִיחֻנֶּךָּ"** (ו כה)

ביי די ברכה 'שים שלום' וואס ווערט געזאגט נאך ברכת כהנים, בעהטן מיר: "ברכנו אבינו כולנו כאחד [יחד] **באור פניך**...". דארף מען פארשטיין פארוואס פון אלע ברכות וואס ווערן געזאגט ביי ברכת כהנים באציעהן מיר זיך נאר צו די ברכה: "יאר ה' פניו אליך"?

ערקלערט **רבי אליעזר הורוויץ** טארניגראדער רב:

חז"ל זאגן (תענית ח ב) אז מען דאווענט נישט אויף צוויי זאכן צוזאמען, נאר מען דארף בעהטן אויף איין זאך. ווייל אונזערע געברויכן זענען אסאך, און אפילו בעהטן אויף צוויי זאכן איז נישט גענוג פאר אונז, דערפאר האבן די אנשי כנסת הגדולה מתקן געווען מען זאל בעהטן ביי די ברכה 'שים שלום' נאר אויף 'הארת פנים' - איין בקשה וואס איז די שורש פון אלע ערליי גוט'ס, און אזוי ווי מיר רעכענען אויס: "כי באור פניך נתת לנו ה' אלקינו - תורת חיים ואהבת חסד וצדקה וברכה ורחמים וחיים ושלום".

**רבי שלמה קלוגער** לייגט צו אז דער יסוד ווערט אויך ארויסגעברענגט אין די ווערטער "ברכנו אבינו כולנו **כאחד**", ד.מ. איין ברכה וואס איז כולל אין זיך אלע אונזערע געברויכן, און דאס איז "באור פניך". און לייגט צו: מצד די אהבה פון השי"ת צו די אידן איז ער פאראינטערעסירט נאר אין זייער גוטס, און ווען עס קומט זיי חלילה א שטראף, באהאלט ער זיך פון זיי און דורך דעם פארלירן זיי די ברכה. אויף דעם בעהטן מיר: "ברכנו אבינו" מיר זאלן שטענדיג זיין "באור פניך" און קיינמאל זאלסטו זיך נישט באהאלטן פון אונז, ווייל "באור פניך נתת לנו" די אלע ברכות..., און עס איז זיכער אז דו ווילסט עס נישט פארמיידן פון אונז, ווייל "טוב בעיניך לברכנו... בכל עת ובכל שעה בשלומך".

'נועם מגדים'; 'יריעות שלמה' על סידור התפילה ד"ה שים שלום

## אינזין ביים דאווענען נאר  די טובה פון א צווייטן

**"וְשָׂמוּ אֶת שְׁמִי עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַאֲנִי אֲבָרְכֵם"** (ו כז)

**זאגט דער מהרש"ם פון ברעזשאן:**

עס איז באקאנט די מאמר חז"ל (ב"ק צב א): "המבקש רחמים על חבירו והוא צריך לאותו דבר", כאטש ער האט נישט געבעהטן אויף זיך, דאך "הוא נענה תחילה". אבער מען דארף וויסן אז די הבטחה איז געגעבן געווארן נאר פאר דער וואס וויל באמת די טובה פון זיין חבר, "און האט אינזין ביים דאווענען נאר אויף זיין חבר, און נישט כדי ער זאל פריער געהאלפן ווערן", אזוי ווי עס איז מרומז אין אונזער פסוק: "וְשָׂמוּ אֶת שְׁמִי **עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**" - אויב די כהנים וועלן אינזין האבן ביי זייער ברכה נאר וועגן די אידן [און נישט כדי זיי זאלן פריער געהאלפן ווערן], דעמאלטס "וַאֲנִי אֲבָרְכֵם" - די ערשטע. אזוי אויך פריער (פס' כג) האט די תורה באטאנט ביי די באפעל פאר די כהנים: "כֹּה תְבָרֲכוּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל **אָמוֹר לָהֶם**", און די כוונה איז קלאר: ענקער ברכה דארף זיין נאר צוליב "להם" - פאר די אידן - און נישט ענקער פריוואטע טובה.

אבער, עס זענען דא וואס ברענגען א ראי' פון א בריוו פון **רבי עקיבא אייגער** אז די סגולה נוצט אויך פאר איינער וואס לכתחילה דאוונט ער פאר זיין חבר כדי ער זאל פריער געהאלפן ווערן - אויב בשעת'ן דאווענען האט ער אינזין נאר זיין חבר. ווייל אזוי שרייבט רבי עקיבא אייגער פאר איינער פון זיינע שואלים ('משפטי רבי עקיבא איגר' עמ' קכח): "ואשר אני רואה ממכתבו שאינו בשלימות הבריאות, גם אנכי בהאי פחדא יתיב [איך געפון זיך אויך אין די צרה], **ואני מייעץ לכבודו רפואה** אם אינו לטורח להזכירני בתפלתו הזכה, ויתקיים בו: 'כל המתפלל על חברו הוא נענה תחילה'". זעהט מען אז ער האט געהאלטן אז די הבטחה איז געזאגט געווארן אויך פאר דער וואס דאוונט פאר זיין חבר כדי ער זאל געהאלפן ווערן, בתנאי אז בשעת'ן דאווענען האט ער אינזין נאר די טובה פון זיין חבר [וראה בספר 'אמרי יעקב' ר"ה סי' יח, שבעל ה'דרך אמונה' הוכיח כן מדברי המג"א רל ו].

'תכלת מרדכי'; 'זרע חיים' [לרי"ח סופר] סי' ט אות ב

# פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## ענטפערן אמן איז א הלכה

וויבאלד מיר זענען געוואוינט צו רעדן איבער די חשיבות און מעלה פון ענטפערן אמן און איר סגולה, קען מען אמאל האבן א טעות און טראכטן אז עס רעדט זיך פון א מנהג, ווען למעשה איז עס א ריכטיגער חיוב! עס איז וויכטיג אז פון צייט צו צייט זאלן מיר דערמאנען פאר זיך אליינ'ס, אז ענטפערן אמן איז א חוב קדוש וואס ליגט אויף יעדן איד מצד הדין, אזוי ווי עס איז גע'פסק'נט אין 'שולחן ערוך' (או"ח רטו ב): "השומע אחד מישראל מברך אחת מכל הברכות... **חייב** לענות אחריו אמן".

די חכמים (יומא לז א, ע"פ רש"י ברכות כא א ד"ה דלית) האבן צוגעשטעלט דעם חיוב אויפן פסוק (דברים לב ג): "כי שם ה' אקרא - הבו גודל לאלקינו", און פון דעם ארויסגעלערנט אז ווען דער מברך דערמאנט דעם אויבערשטנ'ס נאמען ביי א ברכה, דארפן די צוהערהער לויבן דורך ענטפערן אמן.

דער גאון רבי שלמה קלוגער לייגט צו ('חכמת שלמה' או"ח רטו א) אז אויף די מצוה פון ענטפערן אמן האט אויך דוד המלך באפוילן אין תהילים (קו מח): "ברוך ה' אלקי ישראל מן העולם ועד העולם ואמר כל העם אמן", צו זאגן: ווען עס ווערט געהערט א ברכה, זענען מיר באפוילן: "ואמר כל העם אמן!".

די וואס האבן זוכה געווען זיך מתדבק זיין אין די מצוה פארשטייען מער טיפער; ענטפערן אמן איז נישט נאר א חוב פאר זיך, דאס דאס איז די תכלית פון זאגן די ברכה. אזוי ווי עס זעהט אויך אויס פון די גמרא (ברכות נג ב) וואס האט צוגעשטעלט די ברכה מיט די אמן צו א מלחמה; אזוי ווי ביי א מלחמה אין אנהויב שיקט מען די איינפאכע סאלדאטן זיך רייצן מיט די פיינט, און ווען עס קומט אן די ריכטיגע מינוט שיקט מען "גיבורים מנצחים", שטארקע זעלנער וואס געווינען די שלאכט, אזוי אויך איז ביי א ברכה - זאגן א ברכה איז מעורר די שפע זאל אראפקומען, און די אמן איז משפיע בפועל, אין א בחי' פון "גיבורים מנצחים".

אזוי ווי יעדער וועט מסכים זיין אז דער הויפט ציל פון קעמפן איז נישט די מלחמה זעלבסט, נאר באזיגן דעם קעגנער וואס מיט אים קריגט מען זיך, אזוי אויך איז ענטפערן אמן; אויב חז"ל האבן צוגעגליכן די אמן צו די זעלנער "גיבורים מנצחים", פארשטיי מען פון דעם אז דער תכלית פון די ברכה איז די אמן.

איינער פון אונזערע געטרייע ליינער האט אונז געשריבן אין דער פארגאנגענהייט אז דער אויבנדערמאנטער יסוד איז מרומז אין די נאמען פון אונזער פרשה, פרשת 'נשא', וואס איז ר"ת נברך **ש**יענו **א**מן. ד.מ. די ציל פון די ברכה איז ענטפערן אמן.

**מיט א רוף 'נברך שיענו אמן'**
**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

## 'טרם יקראו ואני אענ"ה...'

אין דער וואך, אין דעם טאג ט' סיון, געפאלט אויס די יארצייט פון דעם באקאנטן מקובל רבי אהרן עזריאל זצ"ל, דער איידעם פון 'פלא יועץ'. רבי אהרן וועלעכער האט געדינט אין לויף פון צעהן יאר אלס ראש ישיבת המקובלים 'בית א-ל' צווישן די מויערן פון אלט שטאט, האט זיך געפירט חתמ'ענען זיינע בריוון און תשובות מיט א צונאמען 'אענ"ה', וואס אין דעם האט ער מרמז געווען זיין נאמען צוזאמען מיט זיין פאטער - "**אהרן בן הרב עזריאל**".

אין די וואונדערבארע מעשה, וואס ער האט פארשריבן פאר א געדענקעניש אין הקדמה צו זיין ספר 'כפי אהרן', אנטפלעקט רבי אהרן עזריאל, אז אין דער צונאמען איז אויך מרומז א נס וואס איז אים געשעהן, ווען מיטן אויבערשטנ'ס הילף האט ער זוכה געווען געראטעוועט ווערן ממוות לחיים.

די מעשה האט זיך אנגעהויבן צומארגנ'ס פון ט' טבת תרל"ד, אינמיטן דעם שטורמישן ירושלימער ווינטער. רבי אהרן האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף און האט געפילט א שטארקע ווייטאג וואס שיסט אים אין קאפ, ער האט פראבירט אויפשטיין פון בעט אבער ער האט נישט געקענט און זיין קאפ איז געפאלן אויפן קישן מאכטלאז. פון מאמענט צו מאמענט האט ער געפילט ווי זיינע כוחות לאזן זיך אויס, ער האט געוואלט רופן די פאמיליע מיטגלידער אבער ער איז פאר'חלש'ט געווארן.

מען האט באלד גערופן א דאקטער וועלכער האט באשלאסן אז ר' אהרן האט א שווערע ווינטער-קראנקהייט. דער דאקטאר האט באפוילן ער זאל רועהן און אויסגעדרוקט זיין האפענונג אז די קראנקהייט וועט פארבייגיין. פונדעסטוועגן האט ער זיך נישט אפגעהאלטן פון צו פארשרייבן וועלכע מעדיצינען ער זאל נעמען אין די קומענדיגע טעג, און האט אויך צוגעזאגט אים צו קומען באזוכן בקרוב.

אין די קומענדיגע טעג איז דעם רב'ס צושטאנד געווען ארויף און אראפ; אויב איין טאג האט אויסגעזעהן אז דער מצב פארבעסערט זיך, איז די מארגנדיגע טאג געווארן גאר קריטיש. אזוי צי אזוי האט זיך נישט אנגעזעהן די ישועה. די דאקטורים וואס מען האט גערופן צו אים האבן זיך מייאש געווען פון צו ברענגען פאר אים א ישועה, און רבי אהרן איז געלעגן אויף זיין בעט שוואך און הילפסלאז.

אין דעם טאג ט' לחודש שבט, מער ווי א חודש נאך זיין קראנקייט, האט זיך פארערגערט רבי אהרן'ס צושטאנד. רבי אהרן האט געפילט ווי זיינע טעג זענען געציילט, אבער ער האט נישט אויפגעהערט פון צו האפן אויף רחמי שמים. אויפצומארגנ'ס, י' שבט אינדערפרי, ווען רבי אהרן איז געלעגן אויף זיין קראנק-בעטל און זיך געמוטשעט, האט ער זיך מיטאמאל דערמאנט אז היינט איז די יארצייט פון דעם איש האלקים, המקובל האלוקי רבי שלום שרעבי זי"ע - דער הייליגער רש"ש - וואס האט געגרינדעט און געשטאנען אין שפיץ פון די הייליגע ישיבה 'בית א-ל'.

מיט בענקשאפט האט ער זיך דערמאנט, ווי יעדע יאר אין דעם טאג פלעגן די מקובלים פון 'בית א-ל' אנגרייטן א סעודה און לערנען סתרי תורה לעילוי נשמתו הק'. טרערן זענען גערינען פון זיינע אויגן, ווען ער האט זיך דערמאנט אין דעם באזונדערע געפיל וואס האט געהערשט אין בית המדרש בשעת'ן לערנען, ביז מען האט קלאר געפיהלט די השראת השכינה אויף די לומדים, און אלע האבן געשפירט, אז די זכות פון רש"ש נעמט ארום די היכל הישיבה.

רבי אהרן האט געטראכט צו זיך: "איך געפון זיך יעצט אין סכנת נפשות, די דאקטורים האבן שוין אויפגעגעבן מיין לעבן און איך קען זיך נישט פארלאזן נאר אויף רחמי שמים, און אויף די זכות פון דעם הייליגן רש"ש, וואס איך פיר זיין ישיבה שוין זעקס יאר, און איך טוה אויך זיין שליחות מיטן דאווענען פארן עמוד פאר גאנץ כלל ישראל לויט די כוונות וואס ער האט אוועקגעשטעלט". און פון דעם געדאנק האט רבי אהרן זיך אנגעגארטלט מיט זיינע לעצטע כוחות, ער האט גערופן זיינע בני בית און צו זיי געזאגט: איילט זיך צו און גייט יעצט צו די היכל פון די הייליגע ישיבה, וואו עס האבן זיך זיכער פארזאמלט אלע חברים אויף די הילולא קדישא, און בעהט זיי זיי זאלן זיין מיינע שלוחים צינדן ליכט לטובת די הייליגע נשמה פונעם בעל ההילולא, און דאן דאווענען פאר מיר מיט טרערן איך זאל אויסגעלייזט ווערן ממוות לחיים, און דערמאנען די זכות פון דעם בעל ההילולא ער זאל בעטן רחמים ביים כסא הכבוד, אפשר א דאנק אים וועט השי"ת מיך שענקען נאך יארן צום לעבן...".

זיין פאמיליע האט זיך געאיילט טוהן וואס ער האט געזאגט. זיי זענען געגאנגען צו די ישיבת המקובלים און האבן געבעהטן די חכמי המקובלים צו טוהן וואס זייער פאטער האט געזאגט. אין די קומענדיגע שעה האט דער היכל הישיבה אויסגעזעהן ווי א שטיק פייער, די חכמים האבן געצינדן ליכט לטובת די נשמה פון דער בעל ההילולא, דערנאך האבן זיי אויסגעבראכן אין א געוויין, זיי האבן געמאכט א פדיון נפש און געדאוונט מיט זייער גאנצע הארץ אויפן ראש ישיבה.

און דערווייל איז דער ראש ישיבה געליגן אין בעט אינגאנצן פארנעפלט, און אזוי איז ער איינגעשלאפן, אינמיטן שלאף האט ער זוכה געווען צוזעהן מראות אלקים, ווי ער באשרייבט אין די הקדמה צו זיין ספר:

"ויהי בחצי הלילה, און א מענטש האט זיך באוויזן צו מיר, זיין אויסזעהן איז ווי א מלאך ה', און ער איז געשטאנען פאר מיר מיט א פריינדליכן פנים. איך האב אים געזאגט: ווער ביזסטו, מיין האר? האט ער מיר געענטפערט: 'איך בין שלום מזרחי' [דאס איז דער רש"ש]. אין די מינוט בין איך דערשראקן געווארן. ער האט מיך געפרעגט מיט א פרייליכן פנים: 'איך האב געהערט אז דו דרוקסט א ספר'. האב איך אים געענטפערט: יא מיין האר, די קרוין פון מיין קאפ, וואס דער אויבערשטער האט געשאנקען זיין קנעכט לויט זיינע קליינע השגות, גיי איך דרוקן א קליינע קונטרס, איך האב עס א נאמען געגעבן 'כפי אהרן' מזכה זיין מיך און נאך אנדערע אין מיין עלטער...'.

האט ער מיר געזאגט: 'זאג מיר! פארוואס שרייבסטו זיך אונטער דיין נאמען 'אענ"ה'?', האט איך אים געענטפערט: 'ווייל אין דעם איז מרומז די נאמען פון מיר און פון מיין פאמיליע און די נאמען פון מיין טאטע ז"ל'. האט ער מיר געזאגט מיט א פרייליכן פנים: 'נאך א טעם, אין די חתימה 'אענ"ה' איז מרומז - '**אהרן עזריאל ניסי ה'**...", און איז באלד פארהוילן געווארן פון מיר...

איך בין אויפגעשטאנען פון שלאף און זיך אויפגעזעצט אויף די בעט, און זיך געוואונדערט אויף די גרויסע זאך וואס איך האב געזעהן, און איך האב נישט געוויסט די באדייט פון דעם... ביז איך האב זיך אביסל בארוהיגט און זיך דערמאנט פון דעם לשון הפסוק (שמות יז טו) 'ויקרא שמו ה' נסי'", און וואס רש"י טייטש אויף דעם: 'ה' העושה לי נס'... האב איך געזאגט - ס'איז נישט קיין ספק אז דער טאג איז א פרייליכע טאג, און מיין רבי השמ"ש [רבי שלום מזרחי שרעבי] האט געדאוונט פאר מיר, און אין זיין זכות איז בטל געווארן די שווערע אורטייל וואס האט געהערשט אויף מיר, און פון הימל האט מען מיט מיר געטוהן א נס און צוריק געגעבן מיין לעבן...".



די 'בית א-ל' ישיבה געביידע אין אלט-שטאט ירושלים




די קבר פון רבי אהרן עזריאל אין די אידישע בית הקברות אין יפו

פירט אויס הרב אענ"ה: "געלויבט השי"ת אז אזוי איז געווען, ווייל מיטן אויבערשטנ'ס הילף אויף מיר האב איך זיך מחזק געווען, און איך בין היינט אינגאנצן געזונט, ער זאל אונז שיקן אריכות ימים גוטן און זיסע, און מיר זאלן קענען טוהן זיין ווילן אזוי ווי ער וויל, ויהי רצון אז אונזער תפילה און תורה און אונזערע מעשים טובים זאלן זיין באוויליגט פאר ה' יתברך...".

אין די שפעטערדיגע יארן איז הרב אענ"ה קראנק געווארן אויף די הארץ. ער האט געליטן פון זיין קראנקהייט בערך צוויי יאר, און ט' סיון תרל"ט איז ער פארבעטן געווארן צו די ישיבה של מעלה, אין עלטער פון זעכציג יאר. זיין ציון איז אין שטאט יפו.

# רועי אמונים

פון די ווערטער פון אונזערע רבי'ס אויף ענטפערן אמן

דער משפיע הגה"צ רבי אלימלך בידערמאן שליט"א



## 'אמן' איז די מקור הברכה

מען דערציילט אויפן סערעט-וויזשניצער רבי'ן בעל 'מקור ברוך', אז ווען ער האט געדינט אלס רב פון די שטעטל 'סערעט' אין ראמעניע האט ער זיך געפירט דאווענען יעדן שבת אין א אנדערער שוהל. איינמאל איז ער אנגעקומען אין א שוהל, און ווען ער האט באמערקט אז מען האלט שוין נאכן זאגן די ברכות השחר האט ער זיך געווענדן גיין דאווענען אין א אנדערע שוהל, ווען ער רופט זיך אן פאר די גבאים וואס האבן פרובירט אים אפהאלטן פון אוועקגיין: 'איך בין נישט 'עֵשָׂו'... עשו איז געקומען נאך די 'ברכות'!'.

זיינע ווערטער זענען אין די בחי' פון 'שיחת חולין של ת"ח הצריכה לימוד', אבער לעניננו דארף מען געדענקען, אז אפילו עשו, ווען ער האט פאשפעטיגט די ברכות האט ער

גוט געוואוסט וואס ער האט פארשפעטיגט... און מיר, ווען מיר פארשפעטיגן חלילה צום דאווענען, ווייסן מיר וואס מיר האבן פארלוירן?! די סגולות פון ענטפערן 'אמן' זענען זייער אסאך און אומבאגרייפליך, אבער אויב דער מענטש ווייסט פון פאראויס אז דאס איז די מקור הברכה, וועט ער עס באטראכטן אינגאנצן מיט א אנדערע בליק!

די ערציילונג וואס דער גאב"ד ירושלים הגאון רבי זעליג ראובן בענגיס האט דערציילט אזוי ווי ער האט עס געהערט איש מפי איש ביז א עד ראיה, קענען מיר אלע, אבער מיר זענען נישט פטור פון עס איבער'חזר'ן נאכאמאל, צוליב די געוואלדיגע לערנונג וואס ליגט באהאלטן אין דעם:

רבי חיים וואלאזשינער האט זייער מקפיד געווען נישט זאגן א ברכה אויב עס איז נישטא עמיצער וואס זאל ענטפערן אמן נאך אים, עס זעהט אויס אז ער האט זיך אזוי געפירט ווייל ער האט איינערקענט דעם גרויסן ענין וואס איז דא אין דעם, און ווי די פוסקים זאגן אז אמן איז א טייל פון די ברכה, און נאר א ברכה וואס ווערט געענטפערט מיט א אמן איז א שלימות'דיגע ברכה. איין נאכט, אינמיטן לערנען פלייסיג, איז ער געווארן שטארק דארשטיג, אבער ווייל ער האט זיך געוואלט רירן פון זיין קבלה איז ער געצווינגען געווען זיך צו פייניגן מיטן דארשט. פלוצים איז צו אים אריינגעקומען א בחור פון די ישיבה און געוואלט פארלייגן זיין קשיא אין א תוספות... רבי חיים האט אים אויפגענומען מיט פרייד, און אים געבעטן ער זאל אביסל צוווארטן ביז ער וועט זאגן א ברכה אויף די גלאז וואסער. רבי חיים האט געזאגט די ברכה, דער בחור האט געענטפערט 'אמן', און באלד דערויף האט ער באקומען א ענטפער אויף זיין פראגע.

דעם אנדערן טאג איז ר' חיים צוגעקומען צום בחור און אים געוואלט נאכאמאל דאנקען אויף דעם ווער ער האט אים נעכטן נאכט א טובה געטוהן; "האסט מיך ממש געראטעוועט! - האט ער אים געזאגט מיט התרגשות, אבער דער בחור האט זיך אונטער געמורמלט אומפארשטענדליך, "עס איז אינגאנצן נישט געווען איך... איך בין אין דער צייט געשלאפן...". אלע האבן פארשטאנען אז דאס איז געווען אליהו הנביא, וואס מען האט געשיקט העלפן הגר"ח צו קענען שטיין אין זיין קבלה.

אויך אויפן רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג וואס האט אויך מקפיד געווען נישט זאגן א ברכה אן ענטפערן 'אמן', דערציילט מען: איינמאל איז ער געפארן אויפן וועג מיט א בעל עגלה א עם הארץ, אינמיטן וועג האט ער געדארפט זאגן 'אשר יצר' און האט נישט געהאט פאר וועמען צו זאגן די ברכה. מיטאמאל זענען ארויסגעקומען פון וואלד צוויי פרעמדע אידן מיט א שרעקעדיגן אויסזעהן, רבי ר' שמעלקא האט באלד געזאגט די ברכה און זיי האבן געענטפערט 'אמן' און זענען תיכף פארשוואונדן געווארן... ווען ער האט געפרעגט דעם קוטשער צי ער האט עפעס געזען, האט ער נישט פארשטאנען פון וואס עס רעדט זיך... פון דעם האט רבי ר' שמעלעקא פארשטאנען אז די צוויי זענען זיכער געווען מלאכים וואס זענען געשיקט געווארן צו ענטפערן 'אמן'.

דער רבי ר' שמעלקא האט דעמאלטס געטייטש וואס מען זאגט ביי די תפילות פון ראש השנה: "והוא באחד ומי ישיבנו, ונפשו אוותה ויעש, נורא מרום וקדוש": "והוא באחד" - דער וואס שטייט אליין נישט צווישן מענטשן און וואונדערט זיך: "ומי ישיבנו" - אמן? "ונפשו אוותה" - צו קענען אויספירן זיין קבלה. "ויעש נורא" - טוהט הקב"ה מיט אים א נס, "מרום וקדוש" - און שיקט פון הימל א הייליגער מלאך זאל ענטפערן אויף זיין ברכה.

פון די מעשיות קענען מיר זיך לערנען א מוסר השכל, אויב א איד איז מקפיד אויף עפעס, העלפט מען אים פון אויבן און פון אונטן צו קענען אויספירן זיין קבלה.

•

אין שולחן ערוך (או"ח ד ו) ווערט געברענגט דעם אור-אלטן מנהג אז איינער זאגט אין שוהל די ברכות השחר און די אנדערע ענטפערן אמן, אויף דעם זאגט עדות דער חיד"א ('ברכי יוסף' או"ח תרעז ב): "וכידוע נתפשט המנהג בכרכים ועיירות גדולות..."

אין 'שערי תשובה' (או"ח ו ו) ווערט געברענגט אז דער אר"י הקדוש האט געענטפערט אפילו נאך הונדערט מענטשן איינער נאכן צווייטן, אפילו אינמיטן פסוקי דזמרה, ווייל ער האט געוואלט מקיים זיין די חוב פון ענטפערן צ' אמנים נאך בעפאר שמונה עשרה. אויף דעם האט הרה"ק רבי אהרן הגדול מקארלין זיך אנגערופן מיט התפעלות: מי לנו גדול פון דער אר"י הקדוש וואס האט נישט געשוינט אויף זיין טייערע צייט, און האט אוועקגעגעבן אזויפיל צייט יעדן אינדערפרי צו ענטפערן אמן נאך הונדערט מענטשן...

די וועלט דערציילט אויף א מענטש וואס האט געהאט אסאך געלט, אבער קיין שכל האט ער נישט געהאט... איין יאר ערב יום כיפור, נאכדעם וואס ער האט געזען אז יעדעס יאר וויל יעדער אפקויפן די זכות פון 'פתיחת הארון' צו 'כל נדרי', האט ער באשלאסן אז דאס מאל איז דאס זיינ'ס. ער האט געהאנדלט ביז ענדליך האט ער אפגעקויפט די כיבוד פאר הונדערט טויזנט דאללער...

ווען עס איז געקומען די צייט איז ער געשטאנען אויף זיין ארט... דער גבאי האט זיך אנגערופן: "נו, עפן!", אבער ער האט נישט געוואוסט וואס צו טוהן... דער גבאי האט אים געמוזט ערקלערן יעדן פרט, און אזוי אויך ביים פארמאכן; פארמאכן די ארון און פארמאכן די פרוכת... נאכן דאווענען, ווען דער גבאי האט אויסגעדריקט פאר אים זיין וואונדער: "אויב דו ווייסט נישט ווי אזוי צו מאכן 'פתיחה' פארוואס האסטו זיך געלאזט קאסטן אזויפיל געלט?!", האט ער באקומען א איבערראשנדע ענטפער:

"איך ווייס נישט וואס איז 'פתיחת הארון', און אויך נישט דעם טייטש פון 'כל נדרי'..." האט געזאגט דער עושר, "איך ווייס נאר די 'עצה אויפן לעבן' וואס מיין פאטער ז"ל האט מיר געגעבן פאר זיין טויט: 'וואו די עשירים אינוועסטירן, דארט זאלסטו אויך אינוועסטירן!', און ווען איך האב געזען אז די עשירים באצאלן טייער אויף דעם כיבוד, האב איך באשלאסן אז איך מוז עס אויך קויפן...

דער מעשה איז שיין, אבער די דערהער איז מחייב: אויב די גדולי ישראל האבן אזויפיל אינוועסטירט אין 'אמן', אויב חז"ל האבן אזוי שטארק גערעדט אויף דעם, אויבן און אונטן, איז דאס גענוג פאר אונז צו פארשטיין אז עס לוינט זיך פאר אונז אויך צו אינוועסטירן אין דעם!

•

עס ווערט געברענגט אין נאמען פון רבי יחזקאל'ע קאזמירער זי"ע: פארוואס איז "גדול העונה אמן יותר מהמברך"? ווייל דער מברך טוהט טאקע די מצוה, אבער דער וואס געבט די גילטיגקייט און פולשטענדיגקייט איז דער וואס ענטפערט אמן, און דער וואס העלפט זיין חבר איז גרעסער פון דער וואס טוהט די מצוה פאר זיך ('נחמד מזהב' פרשת פקודי).

דער גאנצער מהות פון אמן איז צו העלפן דעם אנדערן צו פארענדיגן זיין ברכה, און דאס איז אויך איר מעלה. דאס איז יעדן מחייב צו זען און פארשפרייטן די חשיבות פון ענטפערן אמן צווישן זיינע חברים.

מ'דערציילט אויפן 'דברי חיים' אז ער האט איינמאל געזעהן ווי עמיצער זאגט א ברכה שטיל אן מען זאל קענען ענטפערן דערויף 'אמן', האט ער אים געזאגט: עס שטייט (דברים יא כז): 'את הברכה אשר תשמעו...' - א ברכה דארף מען זאגן אויפן קול עס זאל געהערט ווערן כדי מען זאל ענטפערן אויף דעם אמן, און דו זאלסט נישט טראכטן אז דאס איז א מדת חסידות נאר דאס איז אריינגערעכנט צווישן די 'מצוות ה' אלוקיכם'. דאס איז איינס פון די מצוות.

ווען א מענטש וועט אריינעמען אין זיך די חשיבות פון ענטפערן אמן, וועט ער ממילא מצליח זיין צו אנקלעפן און באאיינפלוסן זיין ארום. ווי גרויס איז די זכות פון דער וואס אויסער דעם וואס ער אליין געבט אכטונג צו ענטפערן אמן, איז ער מזכה אנדערע צו מקיים זיין די דאזיגע וואונדערליכע מצוה.

# מאוצרות אמונים

## מחנך זיין קליינע קינדער אויף ענטפערן אמן

### אויף די קינדער דארפן קומען צום דאווענען

רבי יוסף בלאך, דער סטאנובער מגיד, טייטש דעם פסוק (דברים כט ט): "אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלוקיכם" אויף תפילה, ווייל 'נצבים' מיינט תפילה, אזוי ווי עס שטייט (שמואל-א א כה): "אני האשה הנצבת עמכה בזה להתפלל אל ה'". און די תורה הייסט אונז: ענקער תפילה "לפני ה' אלקיכם" - אין שוהל דער פלאץ פון השראת השכינה, דארף זיין אין די באטייליגונג פון "כל איש ישראל", אויך "טפכם". די באטייליגונג פון די קליינע קינדער ביים דאווענען איז אזוי חשוב, אז צוליב דעם איז אויך ראוי צו פארשפעטיגן די זמן תפילה, "אזוי ווי מען זאגט נאך אין נאמען פון הגאון החסיד מוהר"ר יוסף הוליס ז"ל [טיסמעניצער רב] וואס פלעגט שפעט אנהייבן דאווענען כדי די קליינע קינדער זאלן קענען קומען ענטפערן 'יהא שמיה רבא', קדושה און אמן" ('גנזי יוסף' נצבים).

### איינווארצלען אמונה אין די קינדער

נאך א נקודה אין דער ענין פון מחנך זיין קינדער אויף ענטפערן אמן, האט געזאגט רבי חיים נפתלי הערץ זעליוואנסקי זצ"ל ראש ישיבת 'מאור התלמוד':

די תפקיד פון 'יעדן איד אויף דער וועלט איז צו לעבן מיט 'אמונה', ווייל אמונה איז דער הויפט זאך וואס אלעס איז געווענדן אין דעם. ווייל אמונה ווערט נישט איינגעווארצלט פון זיך אליין אין די הערצער, ליגט אויף אונז דער אחריות צו בויען די אמונה אין די טיפעניש פון אונזער הערצער און אין די הערצער פון אונזערע קינדער.

איינס פון די וועגן וויאזוי מען קען לעבן און איינווארצלען די אמונה אין אונזערע קינדער, איז דורך מחזק זיין די זאכן וואס זענען פארבינדן מיט אמונה, ווי זאגן יעדן טאג מאה ברכות און ענטפערן אמן אויף זיי. און באמת איז דאס א הלכה'דיגע חיוב אין א אידישע שטוב, אזוי ווי דער רמ"א שרייבט (או"ח קכד ז): 'וילמד בניו הקטנים שיענו אמן, כי מיד שהתינוק עונה אמן יש לו חלק לעולם הבא'.

יונגע קינדער, יעדער רושם ווערט אויסגעקריצט אין זייערע נשמות און זייער איינדרוק בלייבט אויף לאנגע יארן, ווען זיי געוואוינען זיך צו צו ענטפערן 'אמן' - צו באשטעטיגן הקב"ה'ס קעניגרייך אויף א שטענדיגן אופן דורך זאגן אמן נאך יעדע ברכה, דעמאלטס שלאגט די איינדרוק אין זיי ווארצלען און ווערט טיף איינגעקריצט אין זייערע נשמות. די סארט איינווארצלען טוהט אויך עקזיסטירן ביי גאר קליינע קינדער, אזוי ווי עס זעהט אויס פון דער רמ"א וואס זאגט: "שמיד שהתינוק עונה אמן יש לו חלק לעוה"ב".

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער לייענער

צו די רעדאקציע פון דעם וואונדערבארן גליון 'וכל מאמינים'.

יישר כוחכם אויף די געוואלדיגע און שטענדיגע התעוררות וואס איר טוט אין דעם ענין פון די מצוה פון ענטפערן אמן. אין דעם גליון פון פסח האב איך געברענגט די ווערטער פון מרן בעל 'שבט הלוי' וואס האט ציטירט די ווערטער פון 'ספר חסידים' (סי' רסא) וואס זאגט: "אהוב לך את המצוה הדומה למת מצוה שאין לה עוסקים...".

היינט, נאכדעם וואס אייערע אקטיוויטעטן אין לויף פון אזויפיל יארן האבן ברוך ה' אסאך אויפגעטוהן, איז דאס הארץ-ווארעם צו זען אז דאס איז שוין א מצוה וואס אסאך זענען פארנומען מיט דעם, דערנאך וואס זיי האבן זיך אויסגעלערנט צו דערקענען און שעצן איר גרויסקייט און שיינקייט. היינט קען מען אין יעדן ווינקל זען אזעלעכע וואס האבן מקיים געווען די מצוה פון די חכמים: "צא ולמד" - זיי האבן געלערנט איבער די גרויסקייט פון ענטפערן אמן, וואס איז ווי באקאנט גימטריא צ"א.

שטארקט זיך פארזעצן מיט ענקערע אקטיוויטעטן אויף חיזוק צו ענטפערן אמן, ביז עס וועט זיין וירבו ויעצמו "במאד מאד" [וואס איז בגימטריה אמן מיטן כולל] די וואס ענטפערן אמן אלע ווינקלען און עקן.

**החותם בברכה**

**י. ש.**

מען קען שיקן בריוו צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



די וואלאזשינער ישיבה

### 'נפש החיים'

### י"ד סיון תקפ"א

רבי חיים וואלאזשינער איז געבוירן געווארן אין יאר תק"ט צו זיין פאטער רבי יצחק וועלכער איז געווען דער פרנס אין די וואלאזשינער קהילה. אין זיין יוגנט האט ער געלערנט ביים שאגת אריה וועלכער האט דעמאלטס געדינט אלס רב פון וואלאזשין. ווען ער איז געווען בערך ניינצן יאר אלט, איז ער געגאנגען לערנען תורה ביים ווילנער גאון, און האט זוכה געווען צו ווערן זיין אויסגעצייכנטער תלמיד. אין די הקדמה פון ביאור הגר"א אויף 'שלחן ערוך' דערמאנען די קינדער פון די גר"א דעם רבי חיים'ן אלס דער ראש וראשון פון זיינע גרויסע תלמידים.

מיט די וואונטש פון זיין רבי איז ער צוריק קיין וואלאזשין, וואו ער איז געקרוינט געווארן צו דינען אלס 'מרא דאתרא'. נאך די הסתלקות פון זיין גרויסן רבי'ן האט רבי חיים געגרינדעט א ישיבה, די בארימטע וואלאזשינער ישיבה, וואס איז שפעטער אנגערופן געווארן 'אם הישיבות'.

זיין וועג אין די יסודות פון עבודת ה' האט ער פארעפנטליכט אין זיין בארימטן ספר 'נפש החיים', וואס איז אין די יארן געדרוקט געווארן אין פיל אויסגאבע'ס. ער האט אויך געשריבן א פירוש מיטן נאמען 'רוח חיים' אויף מסכת אבות. ער איז נסתלק געווארן י"ד סיון תקפ"ד תקפ"ד און באערדיגט געווארן אויפן בית-החיים אין וואלאזשין.

### א ספעציעלער שליח אויף ענטפערן אמן

דער גאב"ד פון ירושלים, רבי זעליג ראובן בענגיס, וואס האט געלערנט אין וואלאזשין אין די תקופה פון דער נצי"ב, האט נאכדערציילט וואס ער האט געהערט אין ישיבה אויף איר גרינדער רבי חיים וואלאזשינער, אז ער האט זיך אונטערגענומען נישט זאגן קיין שום ברכה אויב עס וועט נישט זיין ווער עס זאל ענטפערן נאך אים אמן, און פלעגט דערציילן א וואונדערליכן ערציילונג אין דער ענין:

איין נאכט, ווען ער איז געזיצן און געלערנט, האט די דארשט אים אנגעהויבן מוטשען. רבי חיים האט געוואלט טרעפן עמיצן וואס וועט ענטפערן אמן אויף זיין ברכה, אבער ער האט נישט געפונען. מיטאמאל איז אנגעקומען איינער פון די תלמידי הישיבה וואס האט זיך געפלאגט אין די סוגיא וואס ער האט געלערנט. רבי חיים האט זיך געפריידט און האט געזאגט 'שהכל' מיט כוונה. דער בחור האט געענטפערט אמן, און רבי חיים האט געשטילט זיין דארשט, און דערנאך האט ער געענטפערט דעם בחור'ל אויף זיין פראגע.

אויפצומארגנ'ס, ווען רבי חיים איז אריין אין בית המדרש, און האט זיך געוואלט באדאנקען פארן בחור וואס א דאנק אים האט ער געקענט זאגן א ברכה, האט דער בחור אויף אים א קוק געטון פארוואונדערטערהייט און געזאגט: "רבי, איך געדענק אינגאנצן נישט אזא מעשה".

דעמאלטס האט רבי חיים פארשטאנען, אז ווייל ער האט זיך גע'עקשנ'ט נישט עובר זיין אויף זיין גדר פון נישט זאגן א ברכה אן מען זאל אויף דעם ענטפערן אמן, האט מען געשיקט א ספעציעלער שליח פון הימל אין די געשטאלט פון יענעם בחור, ער זאל קענען זאגן די ברכה און שטילן זיין דארשט ('שאל אביך ויגדך' [לרבי שלום שוואדראן] ח"א עמ' פז).